# דברים חוצבים להבות אש

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## בדרשת שבת הגדול שנת תשס"ט לפ"ק

**דער** מדרש (הובא בקדושת יו"ט) זאגט שאלו תלמידיו את רבי יוסי בן קיסמא, די תלמידים האבן געפרעגט רבי יוסי בן קיסמא, אימתי בן דוד בא, ווען וועט משיח קומען השיב להם זאת תורת העולה, און מען דארף צו פארשטיין וואס איז געווען זייער שאלה אימתי בן דוד בא.

**לענינינו** קען זיין דער פשט, דער פעטער ז"ל האט אמאל געזאגט מורא'דיגע ווערטער, ער האט געזאגט, "**אז היינטיגע צייטן ווען די נסיונות זענען גרויס, אז א מענטש האט א תאוה, און ער איז זיך מתגבר אויף די תאוה, איז דאס א התחלה צו מסירות נפש**", קורצע ווערטער אבער עס ליגט אין דעם זייער אסאך, מען קען עס נאכקוקן לשון קדשו אין דברי יואל פ' ויחי דף תקו.

**עס** איז יעצט דער זמן פון ביעור חמץ, מען דארף צו מבער זיין דעם חמץ הידוע, ושאינו ידוע, דער טעכניק היינט צוטאג שטעלט אהער יעדן טאג פרישע כלים, היינט צוטאג דרייט זיך כמעט יעדער סוחר מיט אזא כלי (סעלפאן) אין טאש, וואס מיט איין קוועטש אויפן קנעפל, קען מען זיך פארבינדן דא און דארט, און איך וויל נישט ארויסזאגן מיטן מויל רח"ל ווי מען קען אלס אנקומען.

**מען** קוקט זיך צו דער מצב פונעם ירידת הדורות אין היינטיגע צייטן איז זייער ביטער, הגם דער יצה"ר איז נישט היינט געבוירן געווארן, ס'איז אמאל אויך געווען א יצה"ר, און ס'איז אמאל אויך געווען נסיונות, און ס'איז אמאל אויך געווען נישט גוטע פלעצער, אבער אמאל ווען איינער האט געוואלט אנקומען צו די פלעצער, האט עס געקאסט געלט און אסאך צייט צו קענען אנקומען, און ווי לאנג ער האט געוואלט אנגעקומען האט ער שוין געהאט צייט צו האבן אביסל התבוננות, די תאוה זאל זיך אים אביסל אפקילן, און מען איז ניצול געווארן.

**ליידער** ליידער היינטיגע צייטן, קען מען זיצן ביי זיך אין שטוב, און מיט די כלי אין טאש, מען מיינט אז קיינער זעט נישט, און מיט איין קוועטש אינעם קנעפל, רחמנא ליצלן ווי מען קען אנקומען אין איין מינוט.

**מורי רבותי, עס איז היינט א מצב אז מען דארף האבן מסירת נפש זיך צו האלטן ביי אידישקייט!, אז מען וויל בלייבן א ערליכער איד מוז מען האבן מסירת נפש!, מען דרייט זיך ארום אין טאש מיט ג"ע ממש!, ווער ווייסט וואס ס'וועט נאך נאכקומען, מען קוקט צו דער מצב פון די נסיונות וואס דער יצה"ר רוקט אונטער, און ליידער דער מצב ווערט שווערער פון טאג צו טאג, מען האט שוין פאר א יאר, און פאר צוויי יאר אויך געשטורעמט דערויף, אבער עס איז נאכנישט געווען אזוי געפערליך ווי היינט, ס'איז נאך פאר א יאר נישט געווען אזוי שלעכט, און ווער ווייסט וואס ס'וועט נאך זיין איבער א יאר, דער מצב ווערט ערגער פון יאר צו יאר, און ליידער דווערט עס ניטאמאל א יאר, נאר אסאך וויי'ניגער.**

**עס זאל קיינער נישט זאגן מיך מיינט מען נישט, מיר וועט עס נישט שאדן, ווייל סאך בעסערע און קלוגערע פון אים האבן אויך אזוי געזאגט, און ליידער זענען זיי אנגעקומען אין שאול תחתית ממש ר"ל.**

**מען דארף זיך רייסן די האר פון קאפ ווען מען הערט וואס טוט זיך אלץ אפ, דער מצב שרייט פון זיך אליינס, חלילה נאך א פאר יאר אז עס גייט אזוי אן, צו וועם וועט משיח קומען?!!, צו וועמען וועט משיח קומען?!! ווי אזוי וועט מען חלילה אויסזען אן מסירות נפש.**

**קען** זיין דאס האבן די תלמידים געפרעגט רבי יוסי בן קיסמא, אימתי בן דוד בא, זיי האבן געגעבן א קוק ווי אזוי די דורות פאלן, היינטיגע צייטן זענען דא זאכן וואס מען האט זיך אמאל נישט פארגעשטעלט, האבן זיי געפרעגט אימתי בן דוד בא, צו וועם וועט משיח קומען?!!, אין אזא מצב, אין אזא דור!, השיב להם זאת תורת העולה היא העולה, דער זיידע ז"ל אין ייטב לב (פרשה זו) טייטשט, זאת תורת העולה היא העולה, אז דער מענטש אליין דארף זיך מוסר נפש זיין, ער אליין דארף זיין דער קרבן עולה. און דאס איז געווען די תשובה פאר די תלמידים, אז דורך די כח פון מסירות נפש, כולי האי ואולי וועט מען קענען זיך דערהאלטן אין דעם שווערן ביטערן גלות.

**און** דאס איז וואס מיר דארפן געדענקן, מען דארף האבן דאס ביסל מסירות נפש, אז ס'קומט צו א עת נסיון, מען האט א שוואכע מינוט, זאל מען זיך קענען מתגבר זיין, כובש זיין דעם רצון, דאס מיינט מסירות נפש, אוועקגעבן דעם רצון, ווי דער פסוק זאגט (בראשית כג ח) אם יש את נפשכם, און רש"י טייטשט נפשכם מיינט רצונכם. מסירות נפ"ש מיינט אוועקגעבן די רצון פארן הייליגן באשעפער, און דאס איז מסירות נפש, און דורכדען קען מען זיין אפגעהיטן פון גאר הארבע איסורים.

**איך** וויל בעטן בכל נימי נפשי! די אלע וואס דארפן עס לצורך הפרנסה, ס'איז שוין דא היינט אזא פילטער וואס טוט אביסל אויסרייניגן מען זאל נישט אנקומען אויף נישט גוטע פלעצער, דארף מען זען אז מען זאל דאס האבן, ס'זאל זיין די מסירות נפש כובש צו זיין די תאוה, און דאס וועט זיין א שמירה מען חלילה נישט צוקומען צו א מכשול.

**און** פארשטייט זיך, חלילה וחלילה איבערגעבן די כלי - אפילו באופן ארעי, אפילו אויף א קורצע זמן - פאר א יונגל, א בחור אדער א מיידל, מען זאל נישט מיינען, אה, מיין קינד וועט דאס נישט שאדן, ער פארשטייט נישט צו דעם, מען דארף צו וויסן, ווי יונגער מען איז, אלס קלוגער און רעפערנירטער איז דאס קינד, און כאפט זייער שנעל אויף די אלע כלים, חלילה דאס צו געבן פאר א קינד, ווייל ס'איז בנפשכם, ס'איז דמו ודם זרעותיו תלוי בו.

---

לע"נ הרה"ח ר' **יושע** ב"ר **בנימין** ז"ל (גאלדבערגער)
נפטר ערב פסח שנת תשס"ד לפ"ק